# קרית ברסלב בלאט

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת נצבים, כ"ח אלול תשע"ט לפ"ק
שנה א' גליון א'

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......6:29
מוצאי שבת קודש......7:58

## א מעשה פון תפלה

### שלמה יאקאבאוויטש

מיין וואסער פאמפ האט אויפגעהערט ארבעטן, איז במילא האט די וואסער אויפגעהערט צו ארבעטן, שטעלט אייך פאר א הויז אן וואסער, געווענליך דאס צו פיקסן קאסט אסאך געלט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, און די אייבערשטער האט געהאלפן איך האב געטראפן איינער וואס האט מיר עס געפיקסט פאר א מינאמאלע אפצאל.

### אברהם הערש וועבערמאן

מיין טאכטער איז אראפגעפאלן און זיך שטארק צוהאקט די קאפ, אין שפיטאל האבן זיי געזאגט אז די ביין איז צובראכן, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט זיין ערגער פון דעם און עס זאל זיך שנעל אויסהיילן, און די אייבערשטער האט געהאלפן עס האט זיך שנעל אויסגעהיילט בעסער ווי געראכטן.

### ישראל יוסף שניטצלער

מיין טאכטער פון 12 חדשים איז אראפגעפאלן פון בעט, עס האט אויסגעזעהן זייער שרעקעדיג, איך האב גלייך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל גארנישט פאסירן און דאס זאל נישט זיין קיין שטער צו קענען פארן צום רבין אויף ראש השנה, און שכח אייבערשטער אז עס האט גארנישט פאסירט און מען איז נאר אפגעקומען מיט שרעק.

**מודעה**

די בית המדרש וועט זיין פארשלאסן פון דעם שבת קודש פרשת נצבים ביז נאך ראש השנה הבא עלינו לטובה, צוליב וואס די איינוואוינער דא אין שטעטל וועלן וויילן אין אומאן אויף ראש השנה

## נייעס אין שטעטל

די פארגאנגענע וואך איז פארגעקומען די אפשערן פון הילד הנחמד נחמן נתן בן ר' אברהם יושע נ"י בן ר' אהרן וועבערמאן נ"י מחשובי אנ"ש, נאך שחרית איז מען אריבערגאנגען צו די תלמוד תורה דא אין שטעטל און די חשובע מלמד הר"ר ישראל יוסף שניטצלער שליט"א האט געזאגט די אלף בית מיטן קינד און געלעקט די האניג אזוי ווי די מנהג איז, דערנאך האט מען געטיילט פעקעלעך פאר אלע קינדער , און מען איז ארויס אין א טאנץ אלע קינדער צוזאמען "אה מחיה ציצית, אה מחיה קאפל, אה מחיה שטעטל". די אייבערשטער זאל העלפן די עלטערן זאלן זעהן פון אים אסאך נחת ער זאל אויסוואקסן א גרויסער צדיק.

אה מחיה שטעטל.

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד
טוהן מיר אויפנעמען האברך החשוב

## ר' יואל מענדלאוויטש נ"י וזוגתו תחי'

וואס זענען געקומען וואוינען דאהי אין ברסלב'ע שטעטל.

די אייבערשטער זאל העלפן ער זאל מצליח זיין דא אין שטעטל און זעהן אסאך נחת פון די קינדער.

# בריוו פון דעם
# ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך

**ערב שבת קודש לסדר כי תבוא לאומאן, כ׳ אלול, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן די זכיה צו משמש זיין דעם הייליגן רבי׳ן מיט׳ן אויפשטעלן מוסדות על שם רבינו, און פארשפרייטן די עצות און לימודים פון רבי׳ן פאר די גאנצע וועלט.

אז מיר וועלן זיך אביסל מתבונן זיין וויפיל מיר זענען שולדיג פאר׳ן רבי׳ן וועלן מיר זען אז וויפיל מיר וועלן נאר טון וואס דאס נישט צוקומען ניטאמאל צו א טפה מן הים וויפיל מיר זענען שולדיג דעם רבי׳ן פאר אונזער שיינע לעבן וואס ער געבט אונז.

שטארק זיך ברודער און זיי ממשיך מיט׳ן העלפן דעם מוסד; איך האף אז דו וועסט מיר העלפן אין אומאן אז דער יום טוב ראש השנה זאל אריבערגיין מיט אלע באקוועמליכקייטן, אין דעם זכות וועסטו זוכה זיין צו א שנה טובה מבורכת.

געב איבער א גריס פאר אלע אינגעלייט אין שטעטל; זאג זיי אז לעת עתה בין איך נישט דארט בגוף אבער מיין קאפ און מח איז דארט. איך זארג פאר׳ן חינוך און פאר די עתיד פון די קינדער; די מלמדים און טיטשערס רעדן צו מיר יעדן איינציגסטן טאג, מיר גייען דורך יעדע פרט ופרט פונעם מוסד, פון יעדע קינד באזונדער.

א גוט שבת.

א כתיבה וחתימה טובה.